NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13321

# TELEFON UN TELEGRAF

Inzh Yeramitsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פּיאָנערל

# זײַ גרייט



[illegible]

# טעלעפאָן און טעלעגראַף

№ 3 (29)

אוקרמעלוכענאַצמינדפאַרלאַג

אינזש. יעראַמיצקי

# טעלעפאָן און טעלעגראַף

№ 3 (24)

ביבליאָטעק „זײַ גרייט“

אוקרמעלוכענאַצמינדפאַרלאַג

Бібліографічний опис
цього видання вміщено в
„Літописі Україн. Друку",
„Картковому репертуарі"
та інших покажчиках
Українськ. Книжк. Палати

אר. פ. ק. פ. ט.
י.טע רעפובל. קאנטע פאבריק,
כארקאוו, טשערוואנע ריאדי א. 25

באפולמעכט. פונ הויפטליט [illegible]
באלט. [illegible] טיראזש [illegible]
[illegible]

פאפיר [illegible]
[illegible] דרוק בויגנ, [illegible] דרוק.צייכנס.
אפגעגעבנ אינ זאצ [illegible]
אונטערגעשריבנ צומ דרוק [illegible]

פאראנטווארטלעכער רעדאקטער
ב. דרוזינ
טעכאנסייטער א. פראבאזניק
קארעקטער ל. הייטער

# ווי אזוי איז געשאפנ<br>געוואָרנ דער טעלעפאָנ

## פאַרשפּעטיקט אפ צוויי שאָ

ס'איז געווענ אינ א כמארנעם פעווראל־טאָג פונ 1875-טנ יאָר. אינ אמעריקאנער ביוראָ פאר דערפינדונגענ איז ארייַנגעקומענ א באזוכער. ער האָט דערלאנגט דעם באאמטנ א בויגנ פאפיר מיט צייַכענונגענ אונ דערקלערונגענ, אונ געבעטנ צו רעגיסטרירנ זייַנס א דערפינדונג.

דעם באזוכערס פאָנעם האָט געשייַנט פאר פרייד. מיט א ציטערדיקער שטימ פאר אופרעגונג האָט ער דערקלערט דעם באאמטנ:

— דאָס איז א דערפינדונג פונ אנ אפאראט צו ריידנ אפ א ווייַטער שטרעקע. אפ אָט דער דערפינדונג האָב איכ געארבעט פיל יאָרנ.

דער באאמטער האָט אימ גלייַכגילטיק געענטפערט:

— מיסטער גריי! איר האָט מיט אייַער מעלדונג פארשפעטיקט. מיט צוויי שאָ צוריק איז דאָ געווענ מיס־

טער בעל און ער האָט באַקומען אַ פּאַטענט פּונקט אַפּ אַזאַ מין אַפּאַראַט. די ביוראָ פאַר דערפינדונגען האַלט אַלט דערפינדער דעם מיסטער בעל. ער האָט אַרויסגע־נומען אַ פּאַטענט מיט צוויי שעה צוריק.

באַם באַזוכער האָבן זיך געביטן די קאָלירן אויפן פּנים, ס׳איז אים אַרויס אַ שווייס אויפן שטערן. דער קאָפּ האָט זיך אים פאַרדרייט, ער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט די הענט פאַרן באַריער, קעדיי ער זאָל ניט אומ־פאַלן.

דער באַאַמטער האָט זיך ווײַטער גלײַכגילטיק געטאָן זײַן אַרבעט און ניט געלייגט קיין אַכט אויפן באַזוכער. דער באַזוכער איז אַן אײַנגעבויגענער אַרויס פון ביוראָ. פּלוצים האָט ער זיך אויסגעגלײַכט און אַרויסגערעדט צווישן די ציין:

— אָ, בעל, וועסט מיך האָבן צו געדענקען... דאָס זאָגט דיר גריי, וועלכער וואַרפט זיך קיינמאָל ניט מיט קיין ווערטער.

## אַ טעלעפאָן נאָך מיט טויזנט יאָר צוריק

אַלעקסאַנדער גראַכעם בעל האָט אומשטערבלעך גע־מאַכט זײַן נאָמען מיט דער דערפינדונג פון טעלעפאָן, אָבער די דאָזיקע דערפינדונג איז שוין צוגעגרייט גע־וואָרן דורך פיל מענטשן נאָך פאַר בעלן.

די אידייע צו ריידן אפ א מעהאלעכ איז שוין אינדער־
מיט 9,־טן יאָרהונדערט געווען רייף. דאָס חירטשאפט־
לעכע און פּאָליטישע לעבן האָט געהאלטן אין איין
וואקסן און געשטויסן פאָרויס די דערפינדערס, גע־
וועקט די אידייע פון טעלעפאָן. צווישן אָט די דער־
פינדערס זיינען געווען דער דייטש רייס, דער פראנ־
צויז בורסעל, דער אמעריקאנער בעל און נאָך אנדערע —
א גאנצער אינטערנאציאָנאל פון דערפינדערס.

אן אָנדייט אפ א טעלעפאָן איז שוין געווען נאָך
ביז בעלן. דאָס זיינען געווען רייד־טרובן און שנור־
טעלעפאָנען. דער ערשטער האָט אזא טעלעפאָן דער־
פונדן דער כינעזער קונג־פו־ווינג מיט העכער טויזנט
יאָר צוריק. רייד־טרובן פלעגט מען אָפט קאָנען זעען
און הערן אין די גרויסע קאָנטאָרן.

פאר די טויזנט יאָר, וואָס עס האָבן עקזיסטירט די־
דאָזיקע ניט עלעקטרישע טעלעפאָנען, האָט מען זיך
אויסגעלערנט איבערצוגעבן שמועסן אפ 5־6 קילאָמעטער.
בעלס טעלעפאָן האָט באוויזן אזוי זיך צו אנטוויקלען,
אז ער קאָן איבערגעבן שמועסן אפ א מעהאלעך פון
טויזנטער קילאָמעטער.

דעם ערשטן אפאראט, וואָס האָט איבערגעגעבן קלאנ־
גען אפ אן עלעקטרישן אויפן, האָט דערפונדן פיליפ
רייס. פיליפס עלטערן זיינען געווען בעקערס. פיליפ
איז יונג פארבליבן א יאָסעם און אליין זיך דורכגע־

שלאָגן א וועג אין לעבן. פון קינדווייז אָן האָט ער ארויסגעוויזן א גרויסן אינטערעס צו וויס.שאפט און טעכניק, און ווען ער איז נאָר געווען פריי פון דער ארבעט, פלעגט ער זיך פלייסיק לערנען און לייענען.

## צווישן קאבינעט און גאָרטן

דעם ערשטן טעלעפאָן האָט רייס דורכגעפירט צווישן קאָרידאָר און איינעם פון זיינע צימערן. דער ערשטער אפאראט האָט גערוישט, געקנאקט און געהורעט, נאָר קיין מענטשלעכן שטים האָט מען נים געהערט.

נאָך לאנגע אָנשטרענגונגען האָט רייס דערהערט גאנץ דייטלעכע קלאנגען. איצט האָט דער טעלעפאָן שוין פארייניקט א „גוואלדיקן" מעהאלך: צווישן זיין צימער און א פרוכט־בוים אין גאָרטן.

רייס האָט פארשטאנען, אז זיין אפאראט קאָן אי־בערגעבן דעם מענטשנס רייד אף א גרויסער שטרעקע. ער האָט מיט גרויס כיישעק ווייטער געארבעט. עס זיי־נען דורכגעגאנגען ניין לאנגע יאָרן ביז רייס האָט גע־קאָנט עפנטלעך ארויסטרעטן מיט זיין דערפינדונג.

זיין ערשטן פאָרטראג אין דער פראנקפורטער פיזי־קער־געזעלשאפט האָט רייס אילוסטרירט מיטן לעצטן מאָדעל פון זיין אפאראט, וועלכן ער האָט אָנגערופן מיטן

נאָמענ „טעלעפאָנ“. דאָס באַדײַט אַ גריכיש: „אַנ אַפּאַ־ראַט איבערצ געבנ קלאַנגענ אַפּ אַ מעהאַלעכ“.

איבערגעבנ דעמ מענטשנס רייד דורכ עלעקטרע איז פאַר דער מערהייט מענטש: געווענ אַנ אומגלויבלעכע זאַכ. אונ ווענ די פּאַריזשער אַקאַדעמיקערס האָבנ דערהערט זײַנ פאָרטראַג וועגנ טעלעפאָנ, האָבנ זיי, ניט געקוקט אַפּ זייער געלערנטקײַט, דערקלערט:

— איבערגעבנ אַפּ אַ מעהאַלעכ דעמ מענטשנס שטימ דורכ עלעקטרע — דאָס איז אַנ אומגלעבע זאַכ!

ווײַס דערשטוינסטע צוהערער האָבנ זיכ אָבער איבערצײַגט, אַז דאָס איז ניט קײַנ אויסגעטראַכטע זאַכ. רײַס האָט זיי איבערגעגעבנ דורכנ טעלעפאָנ אַ ליד, וואָס עמעצ האָט געזונגענ פאַר הונדערט מעטער.

רײַס איז בא זײַנ לעבנ ניט אָפּגעשאַצט אונ ניט אָנערקענט געוואָרנ. אינ דײַטשלאַנד, אינ רײַס הײמאַט, איז זײַנ דערפינדונג אינגאַנצנ פאַרגעסנ געוואָרנ. דערפאַר האָבנ אָבער די פיזיקער אונ פיזיאָלאָגנ אינ אַמעריקע פלײַסיק אָנגעהויבנ צו דערלערנענ די אידייענ, וואָס זײַנענ געלעגנ געוואָרנ אינ גרונט פונ זײַנ טעלעפאָנ, אונ איינער פונ זיי איז געווענ טאַקע פּראָפעסאָר בעל.

מע דאַרפ דאָ דערמאָנענ נאָכ איינעמ בעלס אַ פאָרגייער. אינ 1854־טנ יאָר האָט דער פראַנצויז בורסעל גאַנצ קלאָר זיכ פאָרגעשטעלט די אײַנריכטונג פונ טע־

לעפאַנ. אינ יענער צײַט איז נאָכ קײנעמ ניט געהאט אײַנגעפאַלנ אזא געדאנק, אונ בורסעל דערשטוינט פּאַ־שעט מיט זײַנ װײַטנ קוק, װאָס עס פאַרמאָגנ אַלע הויכבאגאבטע מענטשנ.

## צי קאָנ מענ רײדנ פונ װינ קײַנ פּאַריזש?

„צי קאָנ מענ רײדנ אינ װינ אונ מע זאָל דערהערנ אינ פּאַריזש?" — האָט בורסעל דעמלט געשטעלט א פראגע אונ טאקע גלײַכ דערויפ געגעבנ אנ ענטפער.

„דאָס קאָנ מענ דורכפירנ אינ דער פּראקטיק אפ אזא אופנ: די קלאנגענ, װי באװוסט, בילדנ זיכ אויס דורכ װאקלונגענ אינ דער לופט. דיבאַזיקע װאקלונגענ װערנ איבערגעגעבנ דורכ דעמ צװישנשיכט (לופט, װאַ־סער, אונ אזוי װײַטער) אונ װערנ אופגעכאפּט דורכנ אויער"...

...„לאָמיר זיכ פאָרשטעלנ, אז מיר רײדנ נעבנ א באװעגלעכער פּלאסטינקע, װעלכע איז גענוג בויגיק, קעדיי צו רעאגירנ אפ יעטװידער װאקלונג, װאָס עס פארורזאכט אונדזער שטימ. לאָמיר זיכ װײַטער פּאָר־שטעלנ, אז דיזאָזיקע פּלאסטינקע פרעסט אײַנ אונ לאָזט צוריק אָפּ דעמ שטראָמ פונ דער גאלװאנישער באטארייע. קלאָר, אז מיר קאָנענ אױעקשטעלנ אפ א מעהאַלעכ א צװײטע פּלאסטינקע, װאָס װעט אינ דערזעלבער צײַט

מאכנ דיזעלבע וואקלונגענ. מע דארפ נאָר צוגעבנ, אז בורסעלס בויגיקע פלאסטינקע, דאָס איז טאקע די בלעכענע מעמבראנע, וואָס אינ אונדזערע טעלעפאָנענ.

## די לאבאָראטאָריע אינ קעלער

אלעקסאנדער בעל האָט פונ קינדווייז אָנ געהאט א שטארקע נייגונג צו דערפינדונגענ, באזונדערס אינ געביט פונ קלאנגענ. דאָס איז געווענ ניט צופעליק. אינ זיינ פאמיליע זיינענ געווענ גוטע דעקלאמאטערס, אונ דער פאָטער זיינער האָט געהאט דערפונדנ א ניי מיטל צו לערנענ טויבשטומע ריידנ.

אלעקסאנדער בעל האָט קינדווייז נאָכ אינאיינעמ מיט זיינ ברודער געמייסטרעוועט פארשיידענע ריידנדיקע מאשינעס. איינע פונ זיי האָט אפילע אויסגערעדט דאָס וואָרט „מאמע". שפעטער, צו 20 יאָר האָט בעל אָנגעהויבנ צו טרוימענ וועגנ מאכנ א מוזיקאלישנ עלעקטרישנ טעלעגראפ. אימ האָט געעקבערט דער געדאנק, ווי אזוי מיט דער הילפ פונ עלעקטרישנ ~~שטראָם אי-~~ בערצוגעבנ דורכ דראָט פארשיידענע קלאנגענ.

א לאנגע צייט האָט בעל געארבעט איבער אָט דעמ איינפאל. באטאָג איז ער געווענ פארנומענ אלס לערער אינ שול פאר טויבשטומע אונ באנאכט פלעגט ער פארברענגענ אינ א קעלער, וואָס ער האָט ספעציעל צוגע-

פֿאסט פאר א ווארשטאט. בעל האָט דעמלט געווינט אין הויז פון איינעם סאנדערס, א פֿאָטער פון זײַנעם א טויבשטומען שילער.

## דער אומגליקלעכער סאנדערס

אין גאנצן הויז האָט שוין לאנג געהערשט א שטיל־קײַט... בלויז פונעם קעלער פלעגט זיך דערטראָגן א גערויש און א קלאפערײַ. דאָס האָט דאָרט בעל גע־מײַסטרעוועט.

זינט בעל האָט זיך ארײַנגעקליבן צו סאנדערסן, איז קעסיידער א טומל און מע קאָן קיינמאָל נים אײַנשלאָפן. אָבער וואָס קאָן ער טאָן? ער טרייסט זיך:

— בעל וועט דאָך מאכן, אז מײַן קינד זאָל צוריק אָנהייבן ריידן.

פארטאָג, סאנדערס איז קוים אײַנגעשלאָפן. פלוצים דערפילט ער, ווי עמעצ טרייסלט אים פאר דער האנט. אהא, בעל רופט אים שוין. ער כאפט זיך אוף, טוט זיך גיך אָן און לאָזט זיך גיין מיט בעלן אין קעלער.

— איר שטייט דאָ באַם אפאראט,—קאמאנדעוועט בעל,—און איך וועל צולויפן דאָ נים ווײַט.

א פארשלאָפענער הערט זיך סאנדערס צו צו די סיגנאלן, וואָס בעל גיט איבער דורך דראָט. פלוצים רײַסט זיך בעל ארײַן אין קעלער ווי א שטורעם־ווינט:

— נו, וואָס, מע הערט בעסער? — שרייַט ער נאָך אמאָל.

— בעסער — ענטפערט סאַנדערט מיט א פאַרשלאָפּע־נער שטים.

— הוראַ! הוראַ! — שרייַט בעל, — איך האָב אָבער גע־וואוסט, אַז מע וועט איצט הערן בעסער — און ער שלעפּט פאַר פרייד סאַנדערסן טאַנצן.

בעל האָט אָנגעהויבן גרינטלעך דערלערנען די טע־טיקייַט פונעם מענטשלעכן אויער באַם אויפכאַפּן קלאַנגען.

לאַנגע יאָרן האָט בעל געפירט אַזאַ אַרבעט. די שכיי־נים פלעגן פון אים כויזעק מאַכן און אַז זיי פלעגן אים באַגעגענען, פלעגן זיי אָפּ אים טייַטן מיט די פינגער:

— אָט גייט ער, דער פאַנטאַזיאָר, וואָס וויל ריידן דורך א דראָט...

פיל מענטשן פלעגן אים אויסמייַדן, ווי א מעשוגע־נעם. אַנדערע פלעגן אים אייצעס געבן, אַז ער זאָל זיך גיין היילן צו א דאָקטער...

## דער גליקלעכער טאָג

בעל האָט פאַרלאָזט אַלע אַרבעטן און זיך אָפּגעגעבן בלויז צו זייַן דערפינדונג. ער האָט געאַרבעט מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג. און אָט איז געקומען דער לאַנג־דערוואַרטעטער טאָג. בעלס געהילף, וואַטסאָן, האָט דייַט־לעך געהערט דורכן אַפּאַראַט בעלס ווערטער:

— אויב איר הערט מיכ, וואטסאָנ, טאָ גייט צו צומ פענצטער אונ פאָכעט צו מיר מיטנ הוט.

וואטסאָנ איז צוגעגאנגענ צומ פענצטער אונ אָנגעהויבנ פאָכענ מיטנ הוט. בעל האָט פארשטאנענ, אז ס'איז אָנגעקומענ דער גליקלעכסטער טאָג אינ זײַנ לעבנ.

אלזאָ, דער ערשטער שמועס דורכנ טעלעפאָנ איז שוינ פאָרגעקומענ. בעל האָט נאָכ אָבער געהאט אויסצושטײַנ א שווערנ קאמפ, אז מע זאָל זײַנ אפאראט אנערקענענ.

## דער טעלעפאָנ רעדט, וועגנ טעלעפאָנ גופע שווײַגט מענ

אינ 1876־טנ יאָר איז אינ פילאדעלפיע פאָרגעקומענ א צווישנפעלקערלעכע אויסשטעלונג. בעל האָט באשלאָסנ דאָרט אויסשטעלנ זײַנ טעלעפאָנ. ער האָט זיכ אָבער שרעקלעכ גענויטיקט אינ געלט אונ אפילע ניט געהאט אפ קײַנ בילעט. אָנ א בילעט האָט ער זיכ ארײַנגעכאפט אינ צוג אונ געקומענ אפ דער אויסשטעלונג. זײַנ אפאראט האָט מענ פארשטופט ערגעצ אינ א ווינקל. וואטסאָנ איז א גאנצנ טאָג געשטאנענ אונ חי א בעט־לער ארײַנגעזונגענ לידלעכ אינ אפאראט, קעדיי צוציענ אופמערקזאמקײַט צו דער דערפינדונג. קיינער האָט אָבער ניט ארויסגעוויזנ צומ טעלעפאָנ קײַנ באזונדערנ אינ־טערעס.

— ס'איז א משיקאווע שפּילעכל, — פּלעגן זאָגן די באזוכער.

נאָר אָט דערנענטערן זיך צום אפּאראט די געלע־רנטע עקספּערטן פון דער אויסשטעלונג. פון זיי איז אָפּהענגיק דער גורל פון זײַן דערפינדונג און פון אים אליין. די עקספּערטן זײַנען שוין מיד, הונגעריק, זיי ווילן שוין וואָס גיכער אהיים גיין, און דער עלטסטער עקספּערט ווארפט א גלײַכגילטיקן בליק אפן טעלעפאָן און זאָגט:

— דערדאָזיקער אפּאראט איז ניט מער ווי א שפּי־לעכל... און ניט קײַן שלעכט שפּילעכל...

בעל ווערט בלייך, ער האלט זיך אָן בא דער וואנט, כּדי ער זאָל ניט אומפאלן.

## דער קעניג האָט זיך דערשראָקן

מיכאַאל בייגט אלע עקספּערטן איַין די קעפּ מיט גרויס דערעכערעץ. צום אפּאראט קומט צו א מענטש אין א גאָלד־אויסגענייטן מונדיר, ער גייט שטאָלץ, בלאָזט פון זיך, ווי א פּאווע מיט א צעלאָזטן עק. דאָס איז געווען דער בראזילישער קעניג. פּלוצים בלײַבט דער קעניג שטיין מיט אויסגעשטאָרטשעטע אויגן און מיט ציטערדיקע ליפּן. זיי הערן, ווי דער קעניג מורמלט דער־שראָקן:

— ער רעדט... אַן אַפּאַראַט רעדט?..

דער עלטסטער עקספּערט לויפט גלייך צו. ער זעט, אַז דער אַפּאַראַט האָט איבערגעשראָקן און פּאַרינטע־רעסירט דעם קעניג, און ער הייבט אָן גיך מאָלן, ווי אַ מיל:

— זאָל אייער מייעסטעט ווענדן זיין אויפמערקזאַמ־קייט אויפן אַפּאַראַט... דאָס איז אַ גרויסע דערפינדונג... גאָר אַ גרויסע דערפינדונג...

דער קעניג האָט זיך אַביסל באַרויקט. ער האָט זיך צוריק שטאָלץ אויסגעגלייכט, ווי אַ פּאַווע מיט אַ צעלאָזטן עק. דער קעניג איז צופרידן, ער לאַכט פריי־לעך פון די לידלעך, וואָס וואַקסאָן זינגט דורכן אַפּאַ־ראַט. דער עקספּערט איז גלייך צוגעלאָפן צו בעלן, אים געדריקט די האַנט און פייערלעך אויסגערופן:

— איך האָב גלייך אָפּגעשאַצט מיסטער בעלס דער־פינדונג... איין, וואָס פאַר אַ מערקווירדיקע דערפינדונג... רייד אַן אַ מעטאַל...

## יוזס „שטילריידער"

אין בעלס טעלעפאָן האָבן די קל נגען פון מענטשנס שטים אויסגעפּילט די גאַנצע אַרבעט אַף איבערצוגעבן די ווערטער. די קלאַנגען האָבן געהאַקלט די מעמבראַ־נע. די ענערגיע פון דער קלאַנגען־כוואַליע איז אַריבער־געגאַנגען אין עלעקטרישער ענערגיע — אין די שטראָ־

מענ, וואָס האָבנ זיכ בעוועגט איבער די דראָטנ. די פארוואנדלונג, ווידער, פונ עלעקטרישער ענערגיע אינ קלאנגענ, איז פאָרגעקומענ אפנ כעזשבנ פונ דער ענערגיע פונעם מענטשנ, וואָס האָט גערעדט אינ אפאראט.

קלאָר, אז די קלאנגענ־ענערגיע איז אפילע אינ אָנהייב געווענ א שוואכע אונ דערנאָכ, בא די אלע פארוואנדלונגענ פונ דער ענערגיע, איז זי ביסלעכווייַז פארשווונדנ, אונ א שמועס אפ אביסל א גרעסערער שטרעקע — ווייַטער פונ 200 מעטער — האָט מענ שוינ ווייער שלעכט געהערט. אפ גרויסע שטרעקעס האָט מענ שוינ אינגאנצנ נית געהערט. די שטראָמענ, וואָס ווערנ נאָכ דערצו אָפגעשוואכט דורכנ ווידערשטאנד פונ דער ליניע, זייַנענ געווענ אזעלכע קליינע, אז זיי פלעגנ איבערגעבנ בלויז אָפגעריסענע ווערטער, ענע ווערטער, וואָס זייַנענ באשטאנענ פונ שטארקערע קלאנגענ.

דעמ אמעריקאנער דערפינדער יוז איז אייַנגעפאלנ א גליקלעכער געדאנק:

צום רייד־שטראָם דארפ מענ צוגעבנ נאָכ א באהילפ־שטראָם, דעמלט וועט מענ הערנ אפ א ווייַטנ מעהאלעכ.

אונ יוז האָט טאקע דערפונדנ אזא אפאראט. ער האָט זייַנ אפאראט אָנגערופנ מיטנ נאָמענ „מיקראָפאָנ", דאָס איז דער טייַטש „שטילריידער"; דערמיט האָט יוז אונטערגעשטראָכנ, אז דער אפאראט איז אימשטאנד הויכ אונ דייַטלעכ איבערצוגעבנ די שטילסטע קלאנגענ.

אינ יוזס אפאראט ווערט צום ערשטנ געלאזט אי־ בערנ דראט דער עלעקטרישער שטראם אונ ערשט דער־ נאכ ווערט ארויסגערופנ די וואקלונג פונ אט דעם שטראם.

פונ 1881־טנ יאר אנ איז יוזס דערפינדונג — דער מיקרא־ פאנ — געווארנ דער איבערגעבער פונ קלאנגענ, אונ דער טעלעפאנ איז געבליבנ בלויז דער אויפנעמער פונ קלאנגענ.

א צווייטער גרויסער אמעריקאנער דערפינדער עדי־ סאנ האט צוגעטראכט א מיקראפאנ, אט וועלכנ מע האט געקאנט ריידנ פונ א פיל ווייטערער שטרעקע, ווי פריער. מע דארפ זאגנ, אז ביז יוזנ אונ עדיסאנענ האט בעלס דערפינדונג ניט געהאט קיינ גרויסנ פראקטישנ ווערט. ערשט עדיסאנ אונ יוז האבנ דעם טעלעפאנ געמאכט פאר אזא פראקטישער דערפינדונג, ווי ער איז אינ איצ־ טיקער צייט.

עדיסאנ האט לאנגע יארנ געארבעט אט צו פארפול־ קומענ דעם טעלעפאנ.

אלע ווייסט איר, אז מע גייט צו צום טעלעפאנ, קאנ מענ נאכ ניט ריידנ. פריער דארפ מענ ארויסרופנ דעמ, מיט וועמענ מע וויל ריידנ. אמאל פלעג מענ ארויסרופנ דורכ א פייפ, וואס פלעגט איבערגעגעבנ ווערנ דורכ די דראטנ, שפעטער — דורכ אנ עלעקטריש גלעקל. דאס גלעקל פלעגט געבראכט ווערנ אינ באוועגונג דורכ דרייענ דאס הענטל פונ אינדוקטער — אזא קליינ עלעקטריש מאשינקעלע. נאכ שפעטער האבנ זיכ באוויזנ עלעקטרישע לעמפעלעכ, וואס

צינדן זיך אָן אז דער סטאנציע, וועלכע פארבינדט שוין די אבאָנענטן, וואָס ווילן צווישן זיך ריידן.

## די ווײַטערדיקע אנטוויקלונג פונעם טעלעפאָן

איצט זײַנען מיר שוין צוגעוווינט, אַז מע קאָן ריידן דורכן טעלעפאָן, ווי אזוי מע וויל, שטייענדיק, זיצנדיק און אפילו ליגנדיק אין בעט, ווײַל דאָס טעלעפאָן־טרײַבל איז א מיקראָטעלעפאָניש טרײַבל, דאָס הייסט, אזא מין טרײַבל, וואָס מע קאָן דורך דעם אײנצײַטיק אי ריידן צו יענעם, אי הערן, וואָס יענער רעדט. פריער פלעגט אָבער דער טעלעפאָן און דער מיקראָפאָן זײַן אָפּגעזונדערט. דער טעלעפאָן איז געהאנגען אפ א האקן און מע האָט אים געקאָנט אראָפּנעמען. דער מיקראָפאָן, אָבער, איז געווען צוגעפעסטיקט אויבן צום אפאראט, אזוי, אז ריידן האָט געקאָנט בלויז א דערוואקסענער מענטש. טאָמער א נידעריקער מענטש, צי א יונגטלעכער, האָט ער ניט געקאָנט דערלאנגען צום טעלעפאָן. דער פראנצויזישער דערפינדער מערקאליע האָט פאראייניקט דעם טעלעפאָן מיטן מיקראָפאָן אין איין טרײַבל. דאָס איז פאָרגעקומען אין 1885־טן יאָר.

אמאָל האָבן זיך די באטארייעס געפונען אין אפאראט. דעריבער זײַנען די אפאראטן געווען גוואלדיק גרויסע. די באטארייעס פלעגן אָפט קאליע ווערן און

ס'איז געווען אן ארבעט מיטן בײַטן די באטארייעס. איצט זײַנען זיי פארביטן געוואָרן מיט איין באטארייע, וואָס געפינט זיך אפ דער טעלעפאָן-סטאנציע.

דאָסזעלבע — מיטן ארויסרופן דורכן טעלעפאָן. פריער האָט יעדער טעלעפאָן געהאט אן אינדוקטער-מאשינקע. איצט האָט מען אפ דער טעלעפאָן-סטאנציע אוועקגעשטעלט איין דינאמאָ-מאשין. זי איז אזוי פארייניקט מיט די אפאראטן, אז ווען דער אבאָנענט נעמט נאָר אראָפ דאָס טרײַבל, שיקט ער שוין דערמיט אן ארויסרוף דער סטאנציע, און מע דארף ניט צוליב דעם דרייען מיט א הענט", ווי פריער.

אמאָל האָט מען ניט געקאָנט זיצן בא זיך אין שטוב און צונויפריידן זיך דורכן טעלעפאָן מיט וועמען מע וויל. דערצו האָט מען געדארפט גיין אפ דער טעלעפאָן-סטאנציע. די ערשטע צענטראלע טעלעפאָן-סטאנציע איז אײַנגעאָרדנט געוואָרן אין 1877-טן יאָר אין בערלין. אין א יאָר ארום האָט בעל אײַנגעאָרדנט אין אמעריקע א טעלעפאָן-סטאנציע, ווו מע האָט געקאָנט ריידן מיט די טעלעפאָן-אבאָנענטן אין שטוב. די דאָזיקע סטאנציע האָט אין אָנהייב געהאט גאַנצע... 8 אבאָנענטן.

די צענטראלע טעלעפאָן-סטאנציעס, אז איין אבאָנענט זאָל קאָנען ריידן מיט צווייטן זיצנדיק בא זיך אין שטוב, האָט געשאפן דער אמעריקאנער סקרייבנער. ניט אזוי גרינג איז אים אָנגעקומען אָט די דערפינדונג. אפ דער דערפינדונג פון אָט דער טעלעפאָן-סטאנציע האָט בעל 900

מאָל ארויסגענומען אין דערפינדונג־ביוראָ פּאַטענטן, דאָס הייסט, אז זיין דערפינדונג האָט ער איבערגעארבעט 900 מאָל און יעדעס מאָל אריינגעטראָגן ענדערונגען און אויסבעסערונגען.

די טעכניק איז נאָך אָבער געגאַנגען פיל ווייטער, אז מע זאָל אינגאנצן ניט דארפן אָנקומען צו קיין טעלעפאָניסטקעס אפ דער טעלעפאָן־סטאנציע. דאָס איז די אַט — די אויטאָמאטישע טעלעפאָן־סטאנציע. דעם־דאָזיקן געדאנק איז איינגעפאַלן דעם אמעריקאנער דערפינדער סטראָודזשער.

די ערשטע אויטאָמאטישע סטאנציע איז געעפנט געוואָרן אין 1892־טן יאָר אין אמעריקע.

אין די צענטראַלע טעלעפאָן־סטאנציעס אין די גרויסע שטעט ארבעטן הונדערטער טעלעפאָניסטקעס, זיי באַוויזן אָפט ניט צו באפרידיקן אלע אבאָנענטן, זיי מידן זיך אויס, מאכן טיילמאָל טאָעסן אין דער ארבעט.

אין דער אויטאָמאטישער טעלעפאָן־סטאנציע דארף מען ניט קיין טעלעפאָניסטקעס. דאָרט ארבעטן קליינע לייכטע עלעקטרישע אפאראטן, זיי ארבעטן גיכער און פּינקטלעכער פון די בעסטע טעלעפאָניסטקעס, ווייל זיי ווערן קיינמאָל ניט מיד, מאכן קיינמאָל קיין טאָעס ניט.

אָט אזא איז דער לאַנגער און אינטערעסאנטער וועג, וואָס דער טעלעפאָן האָט דורכגעמאכט, אָנהייבנדיק פון בעלס ביז דער אויטאָמאטישער טעלעפאָן־סטאנציע.

# די געשיכטע פון טעלעגראַף

דער טעלעגראַף, דאָס איבערגעבן סיגנאַלן אַף א ווייטער שטרעקע אין זייער א קורצן טערמין, איז שוין געווען באַוווסט אַפילע נאָך אין די אַלטע צייטן.

מיט הונדערטער יאָרן פאַר אונדזער צייטרעכענונג, איז שוין דער טעלעגראף געווען באַוויסט די גריכן. אָבער ניט בלויז די דערמאָנטע געבילדעטע אין באַגאַבטע גריכן האָבן געוווסט פון טעלעגראַף, נאָר אַפילע די ווילדע אפריקאנישע פעלקער האָבן שוין אין די גאָר פריסטע צייטן געהאט זייער טעלעגראַף, עפעס, זייער א פרימיטיווע טעלעגראַף, אַ „גאָרגל־טעלעגראַף". אַף באַשטימטע שטרעקעס זיינען צעשטעלט געוואָרן מענטשן, וואָס האָבן איינער דעם אנדערן דורך געשרייען איבערגעגעבן פארשיידענע ידיעס. צו אַזא „טעלעגראַף" האָט מען געדארפט בלויז האָבן א געזונטן גאָרגל און געזונטע לונגען. די אָפגעשטאנענע פעלקער פלעגן איבערגעבן סיגנאלן דורך אָנגעצינדענע שייטערס.

אין סאָף 18־טן יאָרהונדערט האָט מען זיך אָנגעהויבן באַנוצן מיט א ליכט־טעלעגראַף. וואָס איז דער־

פינדן געוואָרן דורכן פראנצויזישן דערפינדער שאפּ. אַז
יעדע צען קילאָמעטער זיינען געווען צעשטעלט אזעלכע
סטאנציעס. דער טעלעגראף איז באשטאנען פון א מאסט־
בוים, און אינדערהייך א קווער־באלקן. פון געבײַדע
האָט די לופט דעם באלקן געבראכט אין באוועגונג אין
דער נויטיקער ריכטונג. יעדע באוועגונג פונעם באלקן
האָט איבערגעגעבן א באשטימטן צייכן. איינער פלעגט
שטיין און קוקן מיט א קוק־טרויב צו דער שכנישער
סטאנציע, זען, וואָס פאר א צייכנס מע גיט. ער פלעגט
זאָגן די צייכנס דעם, וואָס האָט רעגולירט דעם באלקן.
אזוי פלעגן די צייכנס ווידער איבערגעגעבן ווערן דער
ווײַטערדיקער סטאנציע.

אין אָנהייב 19־טן יאָרהונדערט האָט מען דאָס ערשטע
מאָל אָנגעהויבן אָנווענדן עלעקטריציטעט אין טעלע־
גראף. אין 1809־טן יאָר האָט דאָקטער זימערלינג דער־
פונען א טעלעגראף, וואָס איז באשטאנען פון 35 גלעזער
מיט וואסער. יעדע גלאָז האָט געהאט איר בוכשטאב
און צייכן. יעדע גלאָז איז געווען פארבונדן מיט א
דראָט צו דער סטאנציע. אונטער דער ווירקונג פון
עלעקטרישן שטראָם צעלייגט זיך דאָס וואסער אף זויער־
שטאָף און וואסערשטאָף און עס באווײַזן זיך בלעזע־
לעך. דער טעלעגראפיסט, באמערקנדיק בלעזלעך אין
גלאָז, פלעגט פארשרײַבן דעם בוכשטאב אָדער צייכן
פון גלאָז, אין וועלכער עס האָט זיך באוויזן דאָס בלעזל,

אזוי, אז אפּ צו באַקומען און צוריק איבערציגעבן טעלעגראַפישע סיגנאַלן האָט מען געדאַרפט ציען 70 דראָטן.

אין 1832־טן יאָר האָט שוין דער רוסישער דערפינדער שילינג דערפונדן א טעלעגראַף בלויז מיט צוויי דראָטן. שילינגס טעלעגראַף האָט איבערגעגעבן צייכנס דורך פינף מאַגניט־ווײַזערלעך, וואָס פלעגן אונטער דער ווירקונג פון עלעקטרישן שטראָם זיך באַוועגן אין פאַרשיידענע ריכטונגען.

אין 1838־טן יאָר האָט דער דײַטשישער פּראָפעסאָר שטײַנגעל דערפונדן, אַז מע קאָן זיך באַנוגענען בלויז מיט איין דראָט אָפּ איבערצוגעבן סיגנאַלן פון איין סטאַנציע צו דער אַנדערער.

אזוי איז צוגעגרייט געוואָרן א באָדן פאַר דער דערפינדונג פונעם גרויסן אַמעריקאַנער דערפינדער סאַמועל מאָרזע, וואָס האָט דערפונדן דעם עלעקטראָמאַגניט־טעלעגראַף, וועלכער איז שוין אַלט קימאַט 100 יאָר.

## א קינסטלער א דערפינדער

סאַמועל מאָרזע איז געבוירן געוואָרן אין 1791־טן יאָר. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט גרויסע פעיִקייטן. צו פופצן יאָר האָט ער שוין געלערנט אין א טעכנישער הויכשול. דער יונגער סאַמועל האָט אָבער אויך געהאַט גרויסע פעיִקייטן צו מאָלערײַ און נאָכן ענדיקן די טעכ־

ניטע הויכשול איז ער געוואָרן א מאָלער. ער איז געוואָרן זייער באַרימט אַלס קינסטלער, און ער איז באַשטימט געוואָרן אַלס אָנפירער פון דער אַמעריקאַנער קונסט־אַקאַדעמיע.

מאָרזע דער קינסטלער איז אָבער פאַרגעסן געוואָרן און מאָרזע דער דערפינדער פון טעלעגראַף וועט אייביק לעבן אין דער געשיכטע.

איינמאָל, פאָרנדיק אויף א שיף, האָט ער געזען, ווי א צווייטער אַמעריקאַנער באַווייזט די פּאַסאַזשירן אַן עלעקטראָמאַגניט און דערציילט זיי וועגן די פּרוּוון, וואָס ווערן אין פּאַריז דורכגעפירט איבער עלעקטריציטעט.

נאָך אין הויכשול האָט מאָרזע געטראַכט וועגן דעם, אַז מע קאָן אויסנוצן עלעקטרע אויף איבערגעבן ידיעות אויף א ווייטער שטרעקע. איצט האָט בא אים אָט דער געדאַנק אויפגעוואַכט מיט א פרישער קראַפט: מע דאַרף צווינגען דעם עלעקטרישן שטראָם צו ווירקן אויפן עלעקטראָמאַגניט, האָט ער געטראַכט. דערביי קאָן מען ניט בלויז איבערגעבן ידיעות, נאָר זיי אַפילו פאַרשרייבן.

און אַז מאָרזע איז אַראָפּגעגאַנגען פון שיף, האָט ער שוין געהאַט צונויפגעשטעלט דעם ערשטן פּלאַן פון זיין שפּעטערדיקער דערפינדונג און אַן אויפגערעגטער האָט ער זיך געווענדעט צום שיף־קאַפּיטאַן:

— אויב איר וועט, קאַפּיטאַן, אַמאָל דערהערן, אַז ס'איז דערפונדן געוואָרן אַן עלעקטראָמאַגניטישער טעל־

לעגראַפ, זאָלט איר וויסנ, אַז די אידייע פונ אָט דעם טעלעגראַפ איז געבוירנ געוואָרנ אַפ אײַער שיפ.

מאָרזע האָט פאַרלאָזט די מאָלערײַ, ער האָט זיכ אָפּ-געזאָגט פונ ערנ-טיטל "פּרעזידענט פונ אַקאַדעמיע", וואָס האָט אים געגעבנ אַסאַכ קאָוועד אונ געלט, אונ ער האָט זיכ געשטעלט אַנ אויפגאַבע צו דערפינדנ אַנ עלעקטרישנ טעלעגראַפ.

ענדלעכ איז דער אַפּאַראַט געווענ פאַרטיק: אַ פעדער-צוגעפעסטיקט צום אַנקער פונ עלעקטראָמאַגניט, האָט גע-צייכנט אַפ פּאַפּיר, וואָס האָט זיכ באַוועגט, לאַנגע אונ קורצע שטריכלעכ אונ פינטעלעכ — די באַדינג-צייכנס פונ מאָרזעס אַלפאַוויט.

מאָרזע האָט פאָרגעלייגט דער אַמעריקאַנער רעגירונג אונ פאַרשיידענע קאַפּיטאַליסטנ זיי זאָלנ אָפּקויפנ זײַנ דערפינדונג, נאָר אַלע פלעגנ לויבנ די דערפינדונג זײַנע, אָבער אָפּקויפנ האָט זי קיינער ניט געוואָלט.

דער גרויסער דערפינדער האָט זיכ געפונענ אינ דער גרעסטער נויט אונ ס'זײַנענ געווענ טעג, וואָס ער האָט ניט געהאַט וואָס צו עסנ. נאָר ער האָט אַקשאָנעסדיק ווײַטער געאַרבעט אַפ צו פאַרפולקומענ זײַנ אַפּאַראַט. ער האָט ניט גע-האַט קײַנ געלט צו קויפנ די מאַטעריאַלנ אונ אים פלעגט אויס-קומענ אַליינ צו מאַכנ אַלע טיילנ פונ מעכאַניזם.

אַזוי זײַנענ געגאַנגענ די יאָרנ אינ נויט אונ פּײַנ, אָבער מער פאַר אַלצ האָט ער געליטנ, וואָס זײַנ דער-

פֿינדונג, װעלכער ער האָט אָפּגעגעבן זײַן גאַנצ לעבן, און װעלכע קען ברענגען אױפֿן נוצן דער מענטשהײט, ליגט אין שופֿלאָד, װערט פֿון קײנעם ניט אױסגענוצט.

## מאָרזעס לעצטע טעלעגראַמע...

ערשט אין 1840־טן יאָר האָט די אַמעריקאַנער רעגירונג אָפּגעקױפֿט זײַן דערפֿינדונג. אין עטלעכע יאָר אַרום איז דער טעלעגראַף פֿאַרשפּרײט געװאָרן איבער דער גאַנצער װעלט. אַסאַך קאַפּיטאַליסטן האָבן פֿאַרדינט באַם טעלעגראַף גרױסע קאַפּיטאַלן, נאָר מאָרזע האָט אַלץ געלעבט אין גרױס נױט. דאָס האָט בײַ אים אָבער ניט אָפּגענומען דעם מוט. ער אַרבעט איצט אַף צו שאַפֿן אַ טעלעגראַף, װאָס זאָל איבערגעבן אַף גאָר אַ װײַטער שטרעקע, און אַרבעט איבער די פּרוּװן צו לײגן אַ קאַבעל אונטערן װאַסער, כּדי אַזױאַרום פֿאַרבינדן אַמעריקע מיט אײראָפּע, מע זאָל זיך קאָנען צונױפֿרײדן פֿון בײדע מאַטעריקן.

ערשט צום סאָף פֿון זײַן לעבן האָבן פֿאַר אים אָפּגעשײַנט העלערע טעג. אין 1871־טן יאָר איז מיט גרױס פֿײַערלעכקײַט דורכגעפֿירט געװאָרן זײַן 80־יאָריקער יובילײ. דער טעלעגראַף איז שױן דעמאָלט געװען פֿאַרשפּרײט איבער דער גאַנצער װעלט. אינעם ריזיקן זאַל,

ווו עס האָבנ זיכ צונויפגעזאמלט זײַנע פארערער, אינ ארופ אפ דער סצענע א גרײַזגרויער זאָקנ מיט א הויכנ שטערנ אונ מיט ליכטיקע אויגנ. ער איז צוגעגאנגענ צומ טיש, א קוועטש געטאָנ אינ די קלאווישנ פונ זײַנ ערשטנ אפאראט אונ מיט א ציטערדיקער האנט צומ לעצטנ מאָל אינ זײַנ לעבנ געשיקט דער גאנצער וועלט א באגריסונג־טעלעגראמ.

אונ פונ אלע ווינקעלעכ פונעמ ערד־קײַלעכ, פונ אַלע לענדער האָט זיכ א שאָט געטאָנ אנ ענטפער פונ הייסע באגריסונג־טעלעגראמענ.

אינ א יאָר ארומ, דעמ ב־טנ אפרעל בדאו־טנ יאָר איז סאמועל מאָרזע געשטאָרבנ.

## פונ מאָרזע ביז דעלאני

מאָרזעס אפאראט איז אינ אָנהויב געווענ אומגעלומ־פערט גרויס אונ זייער ניט פולקומ. בלויז די עלע־קטראָמאגניטנ אינ די טעלעגראפ־אפאראטנ האָבנ געווויגנ ביז זעקס פונט. איצט וועגנ זיי ניט מער, ווי עטלעכע גראמ. מאָרזעס אפאראט איז קעסיידער פארפולקומט געוואָרנ.

מאָרזעס אפאראט האָט געהאט די מײַלע, וואָס ער איז געווענ זייער איינפאכ געמאכט. דערפאר האָט ער אָבער א כעסאָרנ, וואָס ער גיט איבער זייער לאנגזאמ. אפ איבערצוגעבנ בלויז א קאָמע, דארפ מענ, לוי, מאָר־

זעס אפאראט, 6 מאָל אָנקוועטשנ אפנ שליסל און מאכנ 6 צייכנס. כוצדעם קאָנ מענ ניט די טעלעגראמע גלייכ איבערגעבנ דעם אדרעסאט, ווייל דער אדרעסאט וועט די צייכנס ניט פארשטיינ, און מע דארפ ערשט די צייכנס איבערזעצנ אפ א פארשטענדלעכער שפראכ. מאכמעס דעם אלעמ קאָנ מענ אפ מאָרזעס אפאראט איבערגעבנ בלויז עפעס מער פונ 10 ווערטער אינ א מינוט. אזעלכע טעמפנ זיינענ שוינ געוועזנ צו לאנגזא־מע אפילע אינ יענע צייטנ, און עס האָבנ זיכ באוויזנ די אפאראטנ פונ די דערפינדערס יוז און באָדאָ. די־ראָזיקע אפאראטנ דרוקנ די טעלעגראמעס מיט דרוקער־רייישריפט. אזא טעלעגראפישע לענטע קאָנ מענ גלייכ ארופקלעפנ אפ א בלאנק און איבערגעבנ דעם אדרע־סאט. יוזס אפאראט קאָנ איבערגעבנ ביז 30 ווערטער א מינוט. דאָס איז נאָכ אויכ זייער לאנגזאמ.

באָדאָס אפאראט גיט 120־180 ווערטער א מינוט; דאָס איז שוינ א נישקאָשעדיקע גיכקייט.

דער סאלאנטפול ר דערפינדער אויסטאנ האָט גע־מאכט אנ אפאראט, וואָס גיט איבער 600 ווערטער א מינוט. נאָר דעלאנים עלעקטראָכימישער אפאראט אר־בעט נאָכ צוויי מאָל גיכער. ער גיט איבער אינ א מינוט 1200 ווערטער!

דערדאָזיקער גיכ־דרוקנדיקער אפאראט ווערט אָבער ניט באנוצט. אפילע די איצטיקע טעכניק, וואָס אלצ

איז איר צו ווייניק, קאָנ ניט אָנעמענ אזא גיכקייט, ווייל באם מינדסטנ אָפּהאלט וועט דער טעלעגראפ פארשאָטנ ווערנ מיט גאנצע בערג טעלעגראמע־לענטעס, אונ דער טעלעגראפיסט וועט זיכ ניט קענענ קיינ אייצע געבנ.

דער סאמע ערשטער אונ דער סאמע לעצטער טעלעגראפ־אפאראט האָבנ איינ מאול,ביידע זיינענ זיי עלעקטראָכימישע. דער ערשטער אפאראט — זימערינגס — ווערט איצט ניט באנוצט, ווייל ער ארבעט צו לאנגזאם. דער לעצטער אפאראט — דילאניס — ווערט ניט באנוצט, ווייל ער ארבעט צו גיכ.

## דער ערשטער טעלעגראפ־קאבעל דורכנ אָקעאנ

דעם 6־טנ אווגוסט 1857־טנ יאָר איז א פלאָטיליע שיפנ לאנגזאם אָפּגעשווומענ פונ די ברעגנ פונ אירלאנד. נאטשאלניק פונ דער פלאָטיליע איז געווענ דער דרייסטער אונ ענערגישער אמעריקאנער פילד.

די פלאָטיליע איז געשווומענ קיינ אמעריקע. די שיפנ זיינענ געווענ אָנגעלאָדנ מיט טעלעגראפ־קאבעלנ, ארומגעוויקלט אפ ריזיקע ראָלנ. אָט דעם קאבעל האָט מענ געדארפט אויסשפרייטנ אפנ גרונט פונ אָקעאנ אונ אזויארום פארבינדנ ביידע מאטעריקנ — מע זאָל קאָנענ ריידנ פונ אייראָפּע אונ אמעריקע.

רינגענווייז האָט זיך דער קאבעל געקייקלט פון די ראָלן און זיך אראָפגעלאָזט אין אָקעאן. פלוצים האָט א הארמאטן־שאָס צעווויסן געטאָן, אז ס'איז געשען אן אומגליק: דער קאבעל האָט זיך איבערגעריסן.

צוויי טעג האָט געדויערט ביז מע האָט צוריק פאַררייניקט דעם צעריסענעם קאבעל. און די ארבעט האָט זיך צוריק אָנגעהויבן. איבערן פריש־געלייגטן קאבעל אפן גרונט פון אָקעאן, האָט די שיף קעסיידער איבערגעגעבן טעלעגראמעס קיין אייראָפע וועגן גאנג פון דער ארבעט. אין משך פון פינף טעג זיינען פארלייגט געוואָרן אפן אָקעאן 500 קילאָמעטער קאבעל.

פלוצים האָט אָנגעהויבן בושעווען א שטורעם־ווינט, און דער קאבעל האָט זיך ווידער איבערגעריסן. מע האָט אפ שטריק אראָפגעלאָזט אין אָקעאן אייזערנע האקנס, נאָר מע האָט דעם קאבעל ניט געפונען, און די שיפן האָבן זיך צוריק אומגעקערט קיין אירלאנד.

## פילדס צווייטע עקספעדיציע

אין א יאָר ארום, אין פרילינג 1858, זיינען זיך צוויי שיפן צונויפגעקומען אינמיטן אָקעאן. ס'איז באשלאָסן געוואָרן אָנהייבן לייגן דעם קאבעל ניט פון די ברעגן אָקעאן, נאָר פון דערמיט אין זיי צוציען ביז די ברעגן פון די מאטעריקן. צונויפבינדנדיק די קאבעל־

עקן, האָבן זיך ביידע שיפן אָנגעהויבן דערווייטערן איינע פון דער אנדערער.

פלוצים האָט זיך ווידער איבערגעריסן דער קאבעל און פארשווּנדן געוואָרן אין די שטורעמדיקע כוואַליעס פון אָקעאן.

און ווידער זוכן זיך די שיפן צונויפגעקומען, קע־דיי צוריק צו פארייניקן ביידע קאבעל־עקן.

און ווידער שווימען ביידע שיפן צו צוויי באזונדערע אָקעאן־ברעגן. אָט באַווייזט זיך א וואלפיש. בא די מאטראָסן ווערט פארציטערט דאָס הארץ. ערשט ניט לאנג האָט אזא וואלפיש איבערגעריסן דעם קאבעל. נאָר דער וואלפיש איז גיך פארשווּנדן, און אלע האָבן פריי אָפּגעאָטעמט. באלד איז אָבער ווידער געוואָרן אומרויִק אפן שיף. אפן קאבעל, וואָס האָט זיך אינגיכן געדארפט אראָפּלאָזן אין וואסער, האָט מען באמערקט א קאליעדיק אָרט. אין 20 מינוט ארום האָט שוין אָט דער קאליעדיקער קאבעל געדארפט פארשווינדן אין די כוואליעס, און מע טאָר דאָס ניט דערלאָזן, אויב ניט, איז אומזיסט די גאנצע ארבעט, וואָס מע האָט ביז איצט געטאָן. די מאטראָסן האָבן זיך גיך גענומען צו דער ארבעט, אראָפּגעהאקט דאָס קאליעדיקע שטיקל און גענומען דעם קאבעל גיך צונויפלייטן. דער קאבעל קײַקלט זיך גיך אין די כוואליעס, צי וועלן די יאם־לייט באווייזן באצייטנס צונויפלייטן אים? נאָר אָט

אין די אַרבעט באַצייטנס געענדיקט און אַ פֿרייד־געשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון אַלעמענס הערצער.

אָט אַזעלכע שוועריקייטן און שטערונגען זײַנען געווען די גאַנצע צײַט.

דעם 5־טן אויגוסט 1858 איז די אַרבעט געווען פֿאַרענדיקט. איין שיף איז צוגעשוווּמען צו די ברעגן פֿון אַמעריקע. די צווייטע — צו די ברעגן פֿון ענגלאַנד. דידאָזיקע ידיעה, אַז ס'איז אײַנגעשטעלט געוואָרן אַ טעלעגראַפֿישע פֿאַרבינדונג צווישן בײדע וועלטטיילן, האָט בײַ אַלעמען אַרויסגערופֿן אַ גרויסע פֿרייד און באַגײַסטערונג.

און פּלוצים — אַ פֿרישע צאָרע, דער קאַבעל האָט אויפֿגעהערט אַרבעטן.

פֿילד האָט אָבער ניט פֿאַרלוירן דעם מוט און זיך גענומען צונויפֿשטעלן אַ צווייטע עקספּעדיציע. 64 מאָל איז ער אַריבערגעשווומען דעם אָקעאַן, זוכנדיק מענטשן מיט געלט, וואָס זאָלן זיך פֿאַראינטערעסירן מיט דערדאָזיקער אונטערנעמונג. ער האָט נאָכאַמאָל אָרגאַניזירט אַן אויסגראָבונג פֿונעם גרונט פֿון אָקעאַן, דאָרט, וווּ ער האָט געזאָלט נאָכאַמאָל פֿאַרלייגן דעם קאַבעל. ער האָט באַשטעלט קאַבעל פֿון אַ פֿאַרפֿילקוטן טיפּ, צוגעטראַכט אַ נײַ מיטל, ווי אַזוי צו וויקלען דעם קאַבעל. ער האָט פֿאַרגעסן די מינדסטע קלייניקײַט. דאָס אַלץ האָט געדויערט זיבן יאָר.

# דער קאמפ מיט די כוואליעס

דער 23־טנ יולי 1865־טנ יאָר האָט ער זיכ ווידער געלאָזט איבערנ אָקעאנ אפ דער גרעסטער שיפ אינ יענער צײַט. אפ דער שיפ איז מיטגעפאָרנ דער בארימ־טער ענגלישער פיזיקער וויליאמ טאָמסאָנ, וואָס איז שוינ אלס צעניאָריק יונגל געווענ א סטודענט, אונ צו 22 יאָר — א פראָפעסער.

אז מע האָט שוינ געהאט דורכגעלייגט אנדערהאלבנ טויזנט קילאָמעטער קאבעל, האָט מענ ווידער באמערקט א קאליעדיקע שטיק קאבל אונ ס'איז איינגעקומענ צו־ריק ארופצוציִענ די גאנצע אנדערהאלבנ טויזנט קי־לאָמעטער קאבעל, וואָס זײַנענ געלעגנ אפ א טיפקייט פונ צוויי קילאָמעטער. די מאשינ אפ דער שיפ האָט ניט אויסגעהאלטנ די שווערקייט פונ אָט דער מאסע אונ זי איז געבליבנ שטיינ. די ווינטנ אונ כוואליעס האָבנ א טרײַב געטאָנ די שיפ פונ אָרט, דער קאבעל האָט זיכ אָנגעצויגנ אונ זיכ איבערגעריסנ. מע האָט אלעמאָל אראָפגעלאָזט האקנס, קעדיי אָפצוזוכנ באמ אָקעאנ דעמ טײַערנ פאנג; אָט פלעגט זיכ שוינ דעמ האקנ אײַנגעבנ אָנצוכאפנ דעמ קאבעל, פלעגט זיכ איבערײַסנ דער שטריק אונ דער האקנ פלעגט פארשווינדנ אינ טיפעניש פונ אָקעאנ. אפנ שיפ פלעגט מענ האלטנ אינ איינ שמידנ נײַע אנקערס אונ האקנס, אינגיכנ איז שוינ אפנ שיפ

ניט געבליבן קיין איין שטיקל אייז אפ צו מאכן א הענקן, און די שיף האָט געמוזט צוריק שווימען קיין ענגלאנד.

## צום דריטן מאל איבערן אָקעאן

נאָר פילד האָט אלץ ניט פארלוירן די האָפענונג צו פארבינדן ביידע באטעריקן, און אין א יאָר ארום, דעם ז־טן יוני 1866־טן יאָר האָט ער אלץ אָנגעהויבן פונדאָס־ נײַ און ווידער זיך געלאָזט שווימען אפ צו פארלייגן אן אינטערוואסער־קאבעל ביז די ברעגן פון אמעריקע.

די מענטשן פון דער עקספעדיציע זײַנען געווען פארהארטעוועטע, אויסגעפרווטע, רײַך מיט דערפארונג. זיי האָבן געגלייבט, אז זייער ארבעט וועט זיך ענדיקן מיט דערפאָלג.

דאָס מאָל איז די ארבעט געגאנגען אָן פאסירונגען. עבעט, אין די לעצטע טעג האָט זיך באוויזן א ריזיקער אײַזבארג, וואָס האָט ווידער געקאָנט מאכן צו ניכט זייער גאנצע ארבעט, נאָר צום גליק האָט דער שטראָם פארטראָגן דעם אײַזבארג אין א זײַט.

אינגיכן האָבן זיך שוין אָנגעהויבן באווײַזן די סי־ לועטן פון אמעריקאנער ברעג.

אין יונ כוידעש, אין א ליכטיקן פרימאָרגן, איז די שיף ארײַן אין דער בוכטע פון ניו־פאונדלענדער

אינדזל. דאָס קליינע שטעטל איז געווען באַצירט מיט פאָנען לעקאָוועד די געהייבענע געסט. עס האָבן פייערלעך געדונערט הארמאטן־שאָסן, און אלע איינוווי־נער זיינען געקומען צום ברעג באַגעגענען די שיף, וואָס האָט זיי פאַרבונדן מיט א צווייטער וועלט. ניו־פאונדלענד איז שוין דעמלט געווען פאַרבונדן דורך אַן אונטערוואַסער־קאַבעל מיט אמעריקע.

מע האָט ארויסגעשלעפט די עקן פון קאַבעל אפן ברעג, פאַרייניקט אים צו דער טעלעגראַף־סטאנציע, און ביידע מאטעריקן, וואָס זיינען אָפּגעטיילט געווען דורך 4 טויזנט קילאָמעטער, זיינען פאַרייניקט געוואָרן. דער עלעקטרישער שטראָם האָט זיי געמאַכט נאָענט, און אייראָפּע מיט אמעריקע האָבן זיך גענומען אָנהייבן דורכריידן איינער מיטן אַנדערן.

# מאָרזעס אַלעפבייז

צייכנס פאר אותיות

צייכנס פאר אותיות

צייכנס פאר ציפער

# אינהאַלט:

## ווי אַזוי איז געשאַפן געוואָרן דער טעלעפאָן


פאַרשטעלט זיך אַ צייט שאַ
א טעלעפאָן נאָך מיט טויזנט יאָר צוריק . . . . . . . . 4
צייכנס קאָבינעטס און גאָרטנס . . . . . . . .
צי קאָן מען רעדן פון ווין קיין פאַריז? . . . . . . . .
די לאַבאָראַטאָריע אין קעלער . . . . . . . .
דער אומגליקלעכער מאַנדעס . . . . . . . .
דער גליקלעכער טאָג . . . . . . . .
דער טעלעפאָן רעדט, ווען טעלעפאָן שווייגט מען . . . . . . . .
דער קעניג האָט זיך דערשראָקן . . . . . . . .
ווייס ... . . . . . . . .
די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פונעם טעלעפאָן . . . . . . . .


## די געשיכטע פון טעלעגראַף


א קינסטלער א דערפינדער . . . . . . . .
מאָרזעס לעצטע טעלעגראַמע . . . . . . . .
פון מאָרזע ביז דעלאַני . . . . . . . . 26
דער ערשטער טעלעגראַם-קאַבעל דורכן אָקעאַן . . . . . . . . 28
פילדס צווייטע עקספעדיציע . . . . . . . . 29
דער קאַמף מיט די כוואַליעס . . . . . . . . 32
צום דריטן מאָל איבערן אָקעאַן . . . . . . . . 33
מאָרזעס אַלפאַבעט . . . . . . . . 35

פרייז 25 קאפ.

Евр. їськ. мовою:

**Інж. Еромицький**

**Телефон і телеграф.**

На еврейск. языке:

**Инж. Еромицкий**

**Телефон и телеграф.**

Державне Видавництво національних меншостей при Президії ЦВК УСРР

Printed in Soviet Union